NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13472

SHLOYME HAMEYLEKHS MISHPET

Aleksandr Ivanovich Kuprin

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה המלכס משפט

פון דעפּרים רעדי
צייטונג „פרייהייט“
ידיש ה. רויבען.

שלמה הַמֶלֶךְ איז געזעסן אויף זיין טראָן אין זאַל פון בֵּית־הַלְבָנוֹן און געטון משפּטן די מענטשן, וואָס זענען צו אים געקומען נאָך מִשְׁפָּט און גערעכטיקייט.

פערציק ווילן, צו פיר אין אַ צייל, האָבן אונטערגעשפּאַרט דאָס געוועלב פון געריכט־זאַל, און זיי אַלע זענען געווען באַדעקט מיט צעדער־האָלץ און זיך פאַרענדיקט מיט גאַלקעס אין געשטאַלט פון ליליעס: דער באָדן איז געווען אויסגעפלאַסטערט מיט קליינע ציפּעריסן־ברעטלאַך, די ווענט — באַשלאָגן מיט טאָוולען פון צעדער־האָלץ, און קיין שטיין האָט זיך פון ערגעץ נישט אַרויסגעזעהן; דאָס צעדער־האָלץ איז געווען באַדעקט מיט געשניצטע פּאַלמעס, אַנאַנסן און כּרוּבים פון לויטער גינגאָלד. אין דער טיף פונם זאַל, וואָס איז געווען פון דריי זייטן באַלויכטן, איז געשטאַנען דער קיניגלאַכער טראָן. זעקס טרעפּ האָבן צו אים אַרויפגעפירט, און אויף יעדער טרעפּ זענען צוויי בראָנזענע מיט גאָלד־באַדעקטע לייבן געשטאַנען — אויף יעדער טרעפּ אַ באַזונדער לייב. דער טראָן גופא איז פון עלפנביין געווען געמאַכט מיט אַ גאָלדערנער אינקרוסטאַציע *) און מיט גאָלדענע אגלענען אין געשטאַלט פון ליגנדיקע לייבן. און דאָס הויכע הענטל פון דעם קיניגלאַכן טראָן האָט זיך מיט אַ גאָלדענעם דיסק פאַרענדיקט. די פאַרהאַנגען פון

---

*) [illegible] פון מעטאַל, גלאַז, פערלמוטער א. ד. ג. איינגעפאַסט אין האָלץ, דערהויבט אין טאַבל.

פיאָלעט און פורפור געוועב זענען אַראָפּגעהאַנגען ביים אַריינגאַנג אין זאַל פון באַלקן ביז צום דיל אַראָפּ, אָפּטיילנדיק דאָס טירל צו די פינף זיילן, וואו ס'האָט געווימלט מיט בּלעדליי אָנקלאָנגער, גאַלטמאַנער, עֵדוּת, ווי אויך באַשולדיקטע און פאַרברעכער, באַוואַכט פון אַ שטאַרקער וואַך.

און דער מלך איז געווען אָנגעטון אין אַ ווייסן כיטאָן, אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן זיין איינפאַכע שמאָלע קרוין, וואָס איז באַשטאַנען פון זעכציק בּרילן איינגעפאַסט אין גאָלד.

זיין פּנים איז געווען בּלאַס, זיינע ליפּן — צו אַ העל־רויטער סטענגע זענען זיי געגליכן; די געקרייזלטע האָר — שוואַרץ־בלוילאַך און האַרט.

און שוואַרץ זענען געווען דעם מלכּס אויגן, ווי דער טונקלסטער אַגאַט, ווי דער הימל אין אַ סוף הודשדיקער זומער נאַכט, און די שוואַרצאַפּלען, פלעגן ווי מיט פיילן שיסן אין דער הייך און אין דער נידער און זענען געווען געגליכן צו די שוואַרצע שטראַלן אַרום די שוואַרצע שטערן. און ס'איז ניט געווען קיין מענטש אויף דער וועלט, וואָס זאָל קענען אויסהאַלטן שלמה המלכּס בּליק און זיינע אויגן ניט אַראָפּלאָזן. און דער בּליץ פון גרימצאָרן אין דעם מלכּס אויגן פלעגט מאַכן פאַלן אַלע מענטשן צו זיינע פיס.

און אין מינוטן פון האַרציקער פרייד, בשעת דער מלך פלעגט זיך פרייען מיט זיין מאַכט אָדער פון זיינס אַ גלייכווערטל, אַ חכמה, אָדער אַ שיין פּאַסיק וואָרט, וואָס איז אויפן אָרט און צו דער צייט געזאָגט געוואָרן, פלעגן זיך זיינע ווייסע שטיל, אויף דער העלפט אַראָפּלאָזן, וואַרפנדיק אַ בּלייכלאַכן שאָטנדל אויף זיין ליכטיקן פּנים, און אין די אויגן פלעגן זיך, ווי פינקלדיקע שוואַרצע בּריליאַנטן, וואַרעמע פייערלאַך אָנצינדן, און זיך צעגיסן אין אַ ליבן צאַרטלאַכן שמייכל; און די אַלע וואָס האָבן די זכיה געהאַט און מיט זייערע אויגן דעם דאָזיקן שמייכל געזעהן — זענען גרייט געווען לייב און לעבן אָפּגעבן — אַזוי אומבאַשרייבלאַך שיין איז דער שמייכל געווען.

און צו פרויען־חענט ועגען שלמה המלכס הענט געווען געגליכן: צארטע, ווייסע, ווארימע און שיינע; נאר א באזונדער לעבנס־קראפט האט ער אין זיי פארמאגט, פארידן זיי נאר דעם קאפ פון קראנקן און ער ווערט געזונט. דער מלך האט אויסגעהיילט קאפווייטאג פיבער, מרה־שחורה און מגפעת. און אויפן פינגער פון זיין לינקער האנט האט ער געטראגן א חתימה־רינג מיט א בלויטרויסן אסטעריקס, וואס האט געלאזן פון זיך פאלן וועקס פערל־קאלירנדיקע שטראלן. פיל יארהונדערטן איז דער רינג אלט געווען, און אויף דער לינקער זייט פון שטיין איז אין לשון פון אן אלט אונטערגעגאנגענעם פאלק, געווען אויסגעקריצט: „אלץ גייט פארביי”.

אין די מאכט פון שלמה־המלכס גייסט איז געווען אזוי גרויס, דאס אפילו ווילדע חיות זענען אים געווען אונטערטעניק: לייבן און לעמפערטן זענען ביי זיינע פיס געלעגן און זיך אין זיינע קני מיט זייערע מארדעס געריבן, און אז ער פלעגט קומען צו זיי אין די שטייגן אריין, האבן זיי דינע הענט מיט זייערע נאסע, הארטע צינגער הכנעהדיק געלעקט. און ער, שלמה המלך, וועמעס הארץ ס׳האט זיך געפרייט ביים גלאנץ פון פינקלדיקן פארבן־שפיל פון די טייערסטע איידלשטיינער, ביי דעם גוטן ריח פון וואויל־שמעקעוודיקן מצרישן ביימער־זאפט, ביים צארטלאכן פלאטערן פון איידלסטן געוועב, ביי דעם קלאנג פון געטלאך זיסער מוזיק, ביי דעם איידלן טעם פונם רויט־פינקלדיקן ווייַן, וואס פלעגט שפילן אין די געשליפענע בעכערס פון ניניוה, — האט ער אויך ליב געהאט צו גלעטן די מלכותדיק־שטרענגע לייבן־גריוועס, די סאמעט־ווייכע רוקנס פון די שווארצע פאנטערעס און די לאפעס פון די געפלעקטע לעמפערטן; ער האט אויך ליב געהאט צו הערן דאס ברילן פון די ווילדע חיות, צוקוקן זיך צו זייערע שטארקע און וואונדערשיינע באוועגונגען און פילן דעם הייסן ריח פון זייער ווילדן אטעמען.

און ווען נאר שלמה המלך פלעגט זיך, אין די גרויסע ימים־טובים, באווייזן צווישן פאלק און זין טראג־ברעטל, געטראגן פון

נעזי שלאַנקע, עפּיאָפּישע קנעכט, — איז שלמה אין דער אמתן געוועזן שוין ווי די ליליע פון שרון!

און אַרום די ווענט פון בית־המשפט. אויף שטולן פון ישפה, זענען די שלוחים פון אשור, מיט זייערע שטרענגע שוואַרץ־בערדיקע פּנימער, געזעסן; זיי זענען געווען אָנגעטאָן אין העל־גרינע קליידער פון בייסוּל, מיט רויטע און ווייסע אויסגענייטע אוזאָרן באַזוימט.

נאָך ביי זיך אין אשור האָבן זיי זיך אָנגעהערט פון שלמהס חכמה און רעכטפאַרטיקן משפטים, און איצט האָבן זיי זיך געשטאַרקט און מיט אַלע כוחות געזעהן, אַפילו איין וואָרט ניט צו פאַרהערן, כּדי זיי זאָלן נאָכדעם קענען דערציילן ווי ס׳טוט משפּטן דער מלך פון בני־ישׂראל.

צווישן זיי זענען געזעסן די הויפּטמענער פון שלמה המלכס חיל, זיינע ראָטנגעבער די נציבים פון די שטעט און די הויפּטלייט.

און ווכציק העלדן פון ישׂראל מיט בלנאַקענדיק באַגילדטע העלמס און שילדן זענען אין צוויי שורות געווען אויסגעשטעלט ביי דער רעכטער און דער לינקער זייט פון טרון; דער עלטסטער איבער זיי איז געווען דער שוואַרץ־געקרייזלטער אליאָב בן אחילוב, דער שענסטער פון די בחורים פון ירושלים.

דער ערשטער וואָס האָט זיך געשטעלט פאַרן מלך שלמה מיט זיין אָנקלאָג, איז געווען דער שטיינשלייפער אחיור. ער האָט געאַרבעט אין צ׳ר, אין דער שטאָט בל, און האָט דאָרט געפונען א טייערן איידלשטיין. ער האָט אים באַאַרבעט און געבעטן זיין, פריינד עזריה, וואָס האָט זיך גראָד צו יענער צייט געקליבן אויפגיין קיין ירושלים, אַז ער זאָל דעם איידלשטיין איבערגעבן זיין, אחיורס, ווייב. אין א צייט אַרום האָט זיך אויך אחיור אומגעקערט צוריק אַהיים קיין ירושלים. און דאָס ערשטע, וואָס ער האָט ביי זיין ווייב געפרעגט — איז, צי זי האָט באַקומען דעם שטיין. אָבער די דאָזיקע פראַגע האָט זי איבערראַשט און זי האָט געשוואָרן, אַז זי האָט פון קיינעם קיין שטיין ניט באַקומען. דאַן

איז אַחיור אַוועק צו זיין פריינד עַזרִיָהן, ער זאָל אים - קלאָר מאַכן, וואָס ס'איז דאָ געשען; נאָר עזריה האָט געזעגנט און זיך געשוואָרן, אַז ווי נאָר ער איז געקומען קיין ירושלים, האָט ער באַלד דעם איידלשטיין גלייך אָפּגעטראָגן צו זיין, אַחיורס, ווייב. ער האָט אַפילו צוויי עֵדות געבראַכט, וואָס האָבן באַשטעטיגט, אַז זיי אַליין האָבן געזעהן ווי עזריה האָט פאַר זיי אין די אויגן איבער־געגעבן דעם שטיין אַחיורס ווייב.

און אָט שטייען זיי אַלע פאַר - אַחִיוּר, עַזרִיָה און די צוויי עֵדות - פאַר דעם טראָן פון קיניג שְׁלֹמֹה, דעם מֶלֶך פון די בְּנֵי יִשְׂרָאֵל.

שלמה האָט יעדערן פון זיי באַזונדער אין די אויגן אַריינגעקוקט און זיך געווענדט צו דער וואַך: - פירט זיי אַלעמען אָפּ אין באַזונדערע חֲדָרִים און פאַרשליסט יעדערן פון זיי באַזונדער.

און אַז די וואַך האָט איר שליחות אָפּגעטון, האָט דער קיניג באַפוילן, מ'זאָל אים ברענגען פיר שטיקלאַך ווייכע ליים: - „זאָל יעדערער פון זיי, האָט ער געזאָגט, אויסקנעטן פון דעם ליים די פאָרם פון דעם איידלשטיין".

אין אַ קורצער צייט אַרום זענען שוין די שטיקלאַך ליים געווען אויסגעקנאָטן. נאָר איינער פון די עדות האָט פון זיין שטיקל ליים אויסגעקנאָטן אַ קאָפּ פון אַ פערד, ווי מ'פלעגט אין יענער צייט אויסאַרבעטן די איידלשטיינער; און דער צווייטער - אַ קאָפּ פון אַ שעפּס. און נאָר ביי צווייען - ביי אַחיורן און עזריהן, האָבן די שטיקלאַך ליים געהאַט איין און די זעלביקע געשטאַלט.

און דער קיניג האָט געזאָגט:

- איצט איז שוין פאַר אַ בלינדן אויך קלאָר, אַז די עדות זענען פון עזריהן אונטערגעקויפט. דעריבער: זאָל עזריה אָפּגעבן דעם שטיין אַחיורן און אויך אים באַצאָלן דרייסיק שְׁקָלִים פּסק־געלט, און צען שְׁקָלִים זאָל ער געבן אויפן בֵּית־הַמִקְדָש. און די עדות, וואָס האָבן זיך אַליין אַרויסגעגעבן מיט זייער פאַלש עדות

אָבן, װאָל געקנסעט װערן צו באַצאָלן צו פינף שקלים אין דעם מלכס אוצרות.
דערנאָך האָבן זיך צו שלמה המלכס טרון דערגעהענטערט דריי ברידער װאָס האָבן זיך געקריגט איבער א ירושה. פאַר זיין טויט האָט דער פאָטער צו זיי געזאָגט: „כדי איר זאָלט זיך ניט קריגן און ארומרייסן זיך ביי דער חלוקה, וועל איך אייך צעטיילן די ירושה, ס'זאָל קיינער פון אייך ניט געקריוודעט װערן: אז איך װעל שטאַרבן, שטייגט ארויף אויף דעם בערגל, וואָס געפינט זיך הינטער אונזער הויז אין מיטן װעלדל, און צעגראָבט עס. דאָרט וועט איר געפינען א קאַסטן מיט דריי שופלאָדן, זאָלט איר וויסן זיין: דער אייבערשטער איז פאַר דעם עלטסטן, דער מיטלסטער — פאַר דעם מיטלסטן און דער אונטערשטער — פאַר דעם יינגסטן פון די ברידער". און אז זיי זענען נאָך זיין טויט געגאַנגען און געטון לויט דער צוואה — האָבן זיי דערזעהן: דער אייבערשטער שופלאָד איז פול מיט גאָלדענע מטבעות, בעת אין דעם מיטלסטן זענען געװען פשוטע ביינער און אין דעם אונטערשטן — האָלץ-שפענדלאַך. און אָט צוליב דעם איז ביי די יינגערע ברידער געוואָרן א קנאה און א שנאה צום עלטערן און לסוף איז זייער לעבן געוואָרן אַזוי אומדערטרעגלאַך, אז זיי האָבן באַשלאָסן זיך ווענדן צום מלך שלמה נאָך ראָט און גערעכטן משפט. און אפילו איצט, שטייענדיק פאַרן קיניגלאַכן טרון, האָבן זיי זיך ניט געקענט איינהאַלטן און אָנגעפאַלן איינער אויפן אַנדערן מיט די ערגסטע זידלערייען און קללות.
דער מלך האָט מיטן קאָפּ געשאָקלט, אויסגעהערט זייערע טענות און געזאָגט: — געגנוג געקריגט זיך! שטיינער זענען שווער, זאַמד — נאָך שווערער, אָבער די ביידן וועגט איבער דער כעס פון נאַראָנים. אייער פאָטער איז, ווייזט אויס, געווען א קלוגער און ערלאַכער מענטש, און זיין רצון האָט ער אין זיין צוואה אַזוי קלאָר און דייטלאַך ארויסגעזאָגט, ווי ס'וואָלט פאַר הונדערט עדות געזאָגט געװאָרן. צי דען האָט איר, נאַרישע שרייערס, וואָס

איר זענט, גלייך ווי איר געקענט אַנשטויסן, אַז דעם עלטסטן פֿון אייך האָט ער זיין גאַנץ מזומן געלט געלאָזן, דעם מיטלסטן — זיין פֿיך און קנאָכנס, און דאָס הויז און דאָס פֿעלד — דעם יינגסטן פֿון אייך. גייט זשע אייך בשלום אַהיים און קריגט זיך ניט מער.

און די דריי ברידער וואָס זענען אָקאָרשט שונאים געווען, האָבן זיך מיט צופֿרידענע, ליכטיקע פּנימער געקושט צו שלמה המלכס פֿיס און זענען פֿון בית-המקדש אַרויס געגאַנגען.

און שלמה המלך האָט נאָך ירושה-משפּט אַנטשיידן, וואָס האָט זיך נאָך מיט דריי טעג צוריק אָנגעהויבן. איינער אַ מענטש האָט פֿאַר זיין טויט אָנגעזאָגט, אַז זיין גאַנץ פֿאַרמעגן לאָזט ער פֿאַר דעם חשובסטן פֿון זיינע צוויי זין. נאָר אַזוי ווי קיינער פֿון זיי ביידן האָט זיך ניט געוואָלט אָנערקענען פֿאַרן ערגערן, האָבן זיי זיך געווענדט צו שלמה המלך.

און שלמה האָט געפֿרעגט ווער זיי זענען און מיט וואָס זיי פֿאַרנעמען זיך. און, אַז ער האָט דערהערט, אַז זיי זענען פֿייל-בויגן-שיסער, האָט ער אַזוי געזאָגט:

— קערט זיך אום צוריק אַהיים. איך וועל באַפֿעלן, מ'זאָל דעם גוף פֿון אייער פֿאָטער אויפֿשטעלן ביי אייער טיר, און מיר וועלן אָקאָרשט זען, ווער פֿון אייך וועט בעסער צילן און טרעפֿן מיט אַ פֿייל אין דעם פֿאָטערס ברוסט, און נאָכדעם ערשט וועלן מיר קענען פּסקענען צו וועמען פֿון אייך געהערט די ירושה.

און ביידע ברידער האָבן זיך איצט אומגעקערט אַהיים און מיט זיי איז אויך מיטגעגאַנגען אַ שליח וואָס שלמה המלך האָט געשיקט, ער זאָל אויף זיי אַכטונג געבן. און אים האָט ער דאָס איצט אויסגעפֿאָרשט.

און דער שליח האָט געענטפֿערט:

— אדוני-קיניג! איך האָב אַלץ געטאָן ווי דו האָסט מיר באַפֿוילן, איך האָב דעם גוף פֿון דעם אַלטן לעבן דער טיר געשטעלט און יעדערן פֿון די ברידער אַ בויגן מיט אַ פֿייל געגעבן. דער ערשטער האָט געשאָסן דער עלטערער. אויך אַ מהלך פֿון הונדערט צוואַנציק

איילן האָט ער געטראָפן אין דעם אָרט, וואו ביי אַ לעבעדיקן מענטשן קלאַפּט דאָס האַרץ.

— אַן אויסגעצייכנטער שאָס, — האָט שלמה געזאָגט. — נו, און דער יינגערער?

דער יינגערער... זיי מיר מוחל, אַדוני־קיניג. איך האָב נישט געקענט באַשטיין דאַרויף, אַז דיין באַפעל זאָל פּינקטלאַך אויסגעפירט ווערן... ער האָט שוין געהאַט דאָס שטריקל פון זיין בויגן אָנגעצויגן, די פייל דערויף געלעגט, נאָר פּלוצלונג האָט ער דעם בויגן צו די־פיס אַראָפּגעלאָזן, זיך אָפּגעקערט, און מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט: „ניין, איך קען דאָס ניט טון... איך וועל ניט שיסן אין מיין טויטן פאָטער"...

— זאָל זשע צו אים איבערגיין דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון זיין פאָטער, האָט דער מלך געפּסקנט, ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר דעם השובסטן זון. דער עלטערער ווידער, אויב ער וויל נאָר, קאָן ער אָנגענומען ווערן אין מיין לייב־וואַך. איך דאַרף זאַקע האָבן אַזעלכע שטאַרקע און געשיקטע מענטשן, מיט אַ פלינקער זיכערער האַנט, מיט אַ גוט אויג און מיט אַ האַרץ, וואָס איז ביז האָר באַוואַקסן.

אויך איז אין בית־הלבנון געקומען איינע אַ פרוי, אַ אַלמנה פון אַ שטיינהאַקער און געזאָגט:

— אַדוני קיניג, איך בעט גערעכטיקייט! פאַר די לעצטע פאַר דינערס, וואָס זענען פאַרבליבן, האָב איך געקויפט מעל. איך האָב דאָס מעל אין דער דאָזיקער גרויסער ליימענער שיסל אַריינגעטון און עס אַ היים געטראָגן. נאָר פּלוצלונג איז געוואָרן אַ ווינט און האָט דאָס מעל צעבלאָזן. אוי, קיניג־חכם, ווער וועט מיר דעם שאָדן באַצאָלן? איך האָב אַצונד ניט מיט וואָס מיינע עופעלאַך אָנהאָדעווען.

— ווען איז דאָס געשעהן? — האָט איר שלמה געפרעגט.

— היינט אינדערפרי בעת די זון איז אויפגעגאַנגען.

און שלמה המלך באַפעלט מ׳זאָל רופן צו אים עטלעכע רייכע

סוחרים, חעמעס שיפען ס׳האָבן געדאַרפט אין דער פריכאָרגן אָפּ-שוימען פון יָפו קיין צור. און אַז זיי זענען צעשראָקענע און פאַרוואונדערטע געקומען אין בית-המשפט, האָט זיי שלמה המלך געפרעגט:

– האָט חער פון אייך היינט געבעטן גאָט, ער זאָל אים צושיקן אַ היינט סאַר ויינע שיפן?

און זיי האָבן געענטפערט:

– יאָ, קיניג, אַזוי איז עס געווען! און גאָט האָט באַוויליגט אונזערע קרבנות, חייל ער האָט אונז אַ גינסטיקן חינט צוגעשיקט.

און דער קיניג האָט געזאָגט:

– מיך פרייט עס זעהר, איך בין פון דעם זעהר צופרידן, נאָר אָט דער זעלביקער ווינט האָט ביי דער דאָזיקער אָרימער אַלְמָנָה אַוועקגעטראָגן דאָס לעצט ביסל מעל אירס, וואָס זי האָט אין איר לייבענער שיסל געטראָגן. געפינט איר ניט אײן, אַז עַל-פּי-יֹשֶר וואָלט איר געדאַרפט איר באַצאָלן דערפאַר.

און צופרידענע, וואָס נאָר צוליב דעם זענען זיי גערופן געוואָרן צום קיניג, האָבן זיי אָנגעשאָטן דער אָרימער אלמנה אַ פולע שיסל זילבערנע מַטְבְּעות. און אַז זי האָט מיט טרערן אין די אויגן אָנגעהויבן צו דאַנקען דעם קיניג, האָט ער אַ ליכטיקן שמייכל געטאָן און געזאָגט:

– וואָרט ס׳איז נאָך ניט אַלץ: דער היינטיקער פרימאָרגן-ווינט האָט מיר אויך געבראַכט פיל פרייד און פאַרגעניגן, און צו די אַלע כַּוָנות פון די רייכע סוחרים בין איך נאָך מוסיף מיין קיניגלאַכער מַתָּנָה.

און ער האָט באַפוילן צו אדונירָמען, דעם ממונה אויף דעם קיניגס אוצר, ער זאָל פון אויבן, אויף דעם געלט, וואָס די רייכע סוחרים האָבן איר געשענקט, אַרויפלעגן אַזוי פיל רענדלאַך, אַז מ׳זאָל פון אונטער זיי די זילבערנע ניט אַרויסזעהן

[illegible]

১। [illegible]
২। [illegible]
৩। [illegible]
৪। [illegible]
৫। [illegible]
৬। [illegible]
৭। [illegible]
৮। [illegible]
৯। [illegible]
১০। [illegible]
১১। [illegible]
১২। [illegible]

[illegible]

[illegible]

פאַרלאַג „אַנהויב".

1. מייזעלע שאַרפציינדל און וואָראָבייטשיק נגיד פרייז 50 ק.
2. ר׳מרדכילע. שלמה המלך און דער אַשמדאי „ 60 ק.
3. האַנס־אַנדערסען. דוימעלע. „ 1 ר.
4. ד׳אַמיטשיס. ווי אזוי אַ ייִנגל איז אַריבגעגאַנגען אַרום זיין קראַנקן טאַטן . 50 ק.
5. אַ מעשה וועגן פעטער קוואַק, ווי ער האָט געלעבט און וואָס ס׳האָט זיך מיט אים פאַרלאָפן „ 75 ק.
6. פייגעלאַך „ 1 ר.
7. ד׳אַמיטשיס. דער קליינער פלאָרענטינישער איבערשרייבער „ 50 ק.
8. שלמה המלכס משפט „ 40 ק.
9. ביי די מוראַשקעס צוגאַסט „ 1.25 ר.
10. דאָס קוכעלע „ 50 ק.
11. אַמי פאַלם. לאַלי און איר הינטעלע פילקע „ 1.25 ר.
12. ע. סעטאָן־טאָמפּסאָן. דער פוקס און זיין געזינדל „ 1.75 ר.

אויסשליסליכער פאַרקויף:
ביכער־לאַגער „קולטור־ליגע", קיעוו,
גרויס־וואַסילקאָווער 43.

פרייז 40 ק.